נומער 58

## עקזעקיוטיוו ארדער

**דעקלערנדיג א דיזעסטער עמערדזשענסי אין די קאונטיס אָוו אלבאני, בראנקס, קאלאמביע, גרין, דעלעווער, דאַטשעס, קינגס, נעסאו, ניו יארק, אראנדזש, אָטסיגאָו, פּאַטנעם, קווינס, ריטשמאָנד, רענסעליער, ראקלענד, סקאָוהערי, סקענעקטעדי, סופאָלק, סאַליווען, אַלסטער, וועסטשעסטער און דערנעבנדע קאונטיס**

**אזוי ווי**, אום פעברואר 22, 2026, און פארזעצנדיג דערנאך, איז א 'נאר-איסטער' שטורעם ערווארטעט צו אנברענגען געפארפולע אומשטענדן, שטעלנדיג א באלדיגע געפאר צו פובליק טראנספארטאציע, יוטיליטי סערוויסעס, פובליק געזונטהייט און פובליק זיכערהייט סיסטעמען אריבער די קאונטיס אָוו אלבאני, בראנקס, קאלאמביע, גרין, דעלעווער, דאַטשעס, קינגס, נעסאו, ניו יארק, אראנדזש, אָטסיגאָו, פּאַטנעם, קווינס, רענסעליער, ריטשמאָנד, ראקלענד, סקאָוהערי, סקענעקטעדי, סופאָלק, סאַליווען, אַלסטער, וועסטשעסטער און דערנעבנדע קאונטיס;

**אזוי ווי**, די ווינטער שטורעם איז ערווארטעט צו אנברענגען שווערע שנייען, שטארקע ווינטן, בלאזנדע און ארומרוקנדע שניי און ברעגע פארפלייצונגען וועלכע קענען פירן צו שאסיי אפשפארונגען, שטערונגען צו פארן, ברייט-פארשפרייטע עלעקטריציטעט קורצשלוסן און שאדנס צו פובליק און פריוואטע פארמעגנס, שטעלנדיג א געפאר צו די געזונטהייט און זיכערהייט פון די פובליקום;

**יעצט, דערפאר, טו איך, KATHY HOCHUL (קעטי האקול)**, גאווערנער פון די סטעיט אָוו ניו יארק, מיט די כוח פון די אויטאריטעט וואס איז געגעבן צו מיר דורך די קאנסטיטוציע פון די סטעיט אָוו ניו יארק און דורך טייל 28 פון ארטיקל 2-B פון דעם עקזעקיוטיוו געזעץ (Executive Law), דערמיט באשטימען אז א דיזעסטער איז באלדיג און אויף א פארנעם צו וואס לאקאלע רעגירונגען קענען זיך נישט אפרופן ווי עס פעהלט זיך אויס. דערפאר, טוה איך דערמיט דעקלערן א סטעיט דיזעסטער עמערדזשענסי, אין קראפט פון פעברואר 22, 2026, אין די קאונטיס אָוו אלבאני, בראנקס, קאלאמביע, גרין, דעלעווער, דאַטשעס, קינגס, נעסאו, ניו יארק, אראנדזש, אָטסיגאָו, פּאַטנעם, קווינס, רענסעליער, ריטשמאָנד, ראקלענד, סקאָוהערי, סקענעקטעדי, סופאָלק, סאַליווען, אַלסטער, וועסטשעסטער און דערנעבנדע קאונטיס. די עקזעקיוטיוו ארדער וועט זיין אין קראפט ביז נאך מערץ 24, 2026; און

**ווייטער**, מיט די כוח פון טייל 29 פון ארטיקל 2-B פון דעם עקזעקיוטיוו געזעץ (Executive Law), טו איך פאראָרדענען אז די סטעיט'ס 'ארומנעמיגע עמערדזשענסי מענעדזשמענט פלאן' (State Comprehensive Emergency Management Plan) זאל איינגעפירט ווערן, און איך אויטאריזיר – אנגעהויבן פון פעברואר 22, 2026 – סטעיט אגענטורן אויף ווי ווייט נויטיג, און אזוי אויך די אמעריקאנע רויטע קרייץ (American Red Cross), צו אונטערנעמען די נויטיגע שריט צו באשיצן סטעיט אייגנטום און צו ארויסהעלפן באטראפענע לאקאלע רעגירונגען און פריוואטע מענטשן מיטן זיך אפרופן צו- און זיך ערהוילן פון- די דיזעסטער, און צו צושטעלן אנדערע הילף לויט ווי עס איז נויטיג צו באשיצן די געזונטהייט און זיכערהייט פון די פובליקום;

**אין צוגאב**, קומט די דעקלעראציע נאך די פאדערונגען פון 49 CFR 390.23(b) וואס ערלויבט צו מאכן אן אויסנאם צו 49 CFR טיילן 395.2 און 395.5. די אויסנאם פון די פעדעראל-ערלויבטע שטונדן פאר קאמערציעלע דרייווערס צו פארן פעהלט אויס צו פארשנעלערן די באוועגונג פון מאנשאפטן וועלכע דארפן צוריקברענגען יוטיליטיס אריין צו ניו יארק סטעיט;

**ווייטער**, מיט די אויטאריטעט געגעבן צו מיר דורך טייל 29-a פון ארטיקל 2-B פון דעם עקזעקיוטיוו געזעץ צו צייטווייליג אפשטעלן אדער ענדערן סיי וועלכע סטאטוט, לאקאלער געזעץ, פאראָרדענונג, באפעל, כלל אדער רעגולאציע, אדער טיילן דערפון, אויב צו אויספאלגן אזא סטאטוט, לאקאלער געזעץ, פאראָרדענונג, באפעל, כלל אדער רעגולאציע וועט פארמיידן, צוריקהאלטן אדער פארשפעטיגן די שריט וועלכע זענען נויטיג זיך אפצוגעבן מיט די דיזעסטער עמערדזשענסי, טו איך דערמיט צייטווייליג אפשטעלן אדער ענדערן, פאר דעם צייט אפשניט פון דעם דאטום פון דעם עקזעקיוטיוו ארדער ביז נאך מערץ 24, 2026, די פאלגנדע געזעצן:

- טייל 97-G פון דעם סטעיט פינאנץ געזעץ (State Finance Law), אויף ווי ווייט עס איז נויטיג צו איינקויפן עסנווארג, סופלייס, סערוויסעס און עקוויפמענט צו באזארגן אדער צושטעלן פארשידענע סארטן צענטראליזירטע סערוויסעס צו ארויסהעלפן באטראפענע לאקאלע רעגירונגען, פריוואטע מענטשן און אנדערע קערפערשאפטן וואס זענען נישט פון די סטעיט רעגירונג ביים זיך אפרופן צו- און זיך ערהוילן פון די דיזעסטער עמערדזשענסי;

- ארטיקל 5-A פון דעם אלגעמיינער מוניציפאלער געזעץ (General Municipal Law), אויף ווי ווייט עס איז נויטיג צו ערלויבן צו איינקויפן סופלייס, סערוויסעס – אריינרעכענענדיג קאנסטרוקציע – און עקוויפמענט אן

דארפן נאכפאלגן די געוועגנטליכע איינמעלדונג און איינקויפונג פראצעדורן;

- טייל 112 פון דעם סטעיט פינאנץ געזעץ, אויף אזוי ווייט וואס עס איז אין איינקלאנג מיט ארטיקל V, טייל I פון די סטעיט קאנסטיטוציע, און אויף ווי ווייט נויטיג צו צולייגן נאך ארבעט, לאקאציעס און צייט צו סטעיט קאנטראקטן;

- טייל 163 פון דעם סטעיט פינאנץ געזעץ און ארטיקל 4-C פון דעם עקאנאמישע אנטוויקלונג געזעץ (Economic Development Law), אויף ווי ווייט צו ערמעגליכן דאס איינקויפן נויטיגע סחורות, סערוויסעס, טעכנאלאגיע און מאטעריאלן אן נאכפאלגן די געווענטליכע איינמעלדונג און איינקויפונג פראצעדורן;

- טייל 9 פון דעם פובליק געביידעס געזעץ (Public Buildings Law) און ארטיקל 4-C פון דעם עקאנאמישע אנטוויקלונג געזעץ, אויף ווי ווייט עס איז נויטיג צו אויטאריזירן די שליסונג פון עמערדזשענסי קאנטראקטן וואס שטייגן איבער איין מיליאן פינף הונדערט טויזענט דאלאר;

- טייל 38(1), (2) און (3) פון דעם הייוועי געזעץ (Highway Law) אויף ווי ווייט עס איז נויטיג צו אויטאריזירן די שליסונג פון עמערדזשענסי קאנטראקטן; און

- טיילן 375, 385 און 401 פון דעם וויהיקל און טראפיק געזעץ (Vehicle and Traffic Law) אויף ווי ווייט נויטיג צו קענען מאכן אן אויסנאם פאר וויהיקלס מיט א גילטיגע רעגיסטראציע אין אנדערע יוריסדיקציעס פון די וויהיקל רעגיסטראציע עקוויפמענט און מאסן פאדערונגען, ווי נויטיג צו ארויסהעלפן מיט גרייטקייט און אפרופונג צו די עמערדזשענסי;

**<u>ווייטער</u>**, טו איך דערמיט צייטווייליג ענדערן, פאר די צייט אפשניט פון דעם דאטום פון די עקזעקיוטיוו ארדער ביז נאך מערץ 23, 2026, די פאלגנדע געזעצן:

טייל 24 פון דעם עקזעקיוטיוו געזעץ; טיילן 104 און 346 פון דעם הייוועי געזעץ; טיילן 1602, 1630, 1640, 1650 און 1660 פון דעם וויהיקל און טראפיק געזעץ; טייל 14(16) פון דעם טראנספארטאציע געזעץ (Transportation Law); טיילן 6-602 און 17-1706 פון דעם ווילעדזש געזעץ (Village Law); טייל 20(32) פון דעם אלגעמיינע סיטי געזעץ (General City Law); טייל 91 פון דעם צווייטע קלאס סיטיס געזעץ (Second Class Cities Law); און טייל 107.I פון טייטל 21 פון די ניו יארק קאָודס, רולס און רעגולאציעס (New York Codes, Rules and Regulations), אויף ווי ווייט נויטיג צו גיבן פאר די גאווערנער די אויטאריטעט צו רעגולירן טראפיק און די באוועגונג פון קארן און טראקס אויף ראודס, הייוועיס און גאסן.

**<u>ווייטער</u>**, טוה איך דערמיט צייטווייליג אפשטעלן אדער ענדערן – פאר די תקופה אנגעהויבן פון די דאטום פון די עקזעקיוטיוו ארדער ביז נאך פעברואר 24, 2025 – אונטערשטע סעיף (3) פון טייל 259-i פון דעם עקזעקיוטיוו געזעץ און באטרעפנדע סעיפים פון טיילן 8004 און 8005 פון טייטל 9 פון די ניו יארק קאָודס, רולס און רעגולאציעס, ווען עס קומט צו די פארענדיגונג פון געריכט הירינגס אין פראצעדורן צו מבטל זיין פעראָול פאר א מענטש, צו פארלענגערן אלע צייט אפשניטן וואס די געזעצן פארלאנגען מיט זיבן (7) טעג.

<u>א ר ו י ס ג ע ג ע ב ן</u> אונטער מיין האנט און אונטער דעם אפיציעלן זיגל פון די סטעיט אין די סיטי אָוו אלבאני אום דעם 21'סטן טאג פון פעברואר אין דעם יאר צוויי טויזנט זעקס און צוואנציג.

דורך די גאווערנער

סעקרעטארשע צו די גאווערנער